**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## אויב איר האט דאס פארפאסט: גאווערנער האקול'ס גאסט ארטיקל אין THE NEW YORK TIMES: קלעירענס טאמאס און ברעט קעווענאו קענען טוישן די לעבנס פון איבערלעבער פון אביוז אינדערהיים

די New York Times האט היינט פארעפנטליכט א גאסט ארטיקל געשריבן דורך גאווערנער קעטי האקול איבער א בעפארשטייענדע סופרים געריכט אורטייל וואס קען האבן באדייטנדע השפעות אויף איבערלעבער פון אביוז אינדערהיים. די פולע ארטיקל איז געדרוקט דא אונטן, און עס קען געלייענט ווערן אויף די אינטערנעט [דא](#).

*ווען מיין מוטער איז געווארן 70 יאר אלט האט זי געהאט אן אייגנארטיגע געבורטסטאג וואונטש. אנשטאט א פארטי אדער א קוכן, האט זי געזאגט פאר אונזער פאמיליע אז זי דארף אונזער הילף צו עפענען א צייטווייליגע היים פאר איבערלעבער פון אביוז אינדערהיים און זייערע קינדער.*

*זי האט געזעהן די געבורטסטאג געשאנק ווי די הויכפונקט פון א לעבן פארברענגט קעמפנדיג פאר איבערלעבער פון אביוז, א רייזע וואס האט זיך אנגעהויבן צוריק אין די 1970'ער, ווען עס איז געווען נארמאל צו נוצן ווערטער וואו "געשלאגענע פרויען", און איבערלעבער האבן נישט געהאט קיין סאך פלעצער וואו זיך צו ווענדן. עטליכע מאנאטן נאך מיין מאמע'ס געבורטסטאג, האט די 'קעטלין מערי הויז' געעפנט אירע טויערן — באקומענדיג די נאמען אין עהרע פון איר מוטער, קעטלין מערי, אן איבערלעבערין פון אביוז אינדערהיים.*

*ווען איך בין געבוירן געווארן האט מיין מוטער מיר געגעבן די נאמען קעטלין מערי, און איר לעבנסלענגליכע אקטיוויזם פאר איבערלעבער האט געלאזט א ריזיגע איינדרוק אויף מיר. די ווירקונגען פון אביוז אינדערהיים זענען נישט באגרעניצט צו א געוויסע דור, און אונזער וואכזאמקייט דערקעגן טאר אויך נישט זיין אזוי. דאס איז בלויז איין סיבה פארוואס איך בין אזוי באזארג איבער די תוצאה פון א בעפארשטייענדע סופרים געריכט פאל, 'די פאראייניגטע שטאטן קעגן ראַהימי', וואס וועט באשלוסן קומענדיגע יאר אויב א גאן זיכערהייט געזעץ וואס באשיצט איבערלעבער פון אביוז אינדערהיים וועט בלייבן אין קראפט.*

*די סופרים געריכט האט לעצטנס אנאנסירט פלענער צו אננעמען די ראהימי פאל וואס איז ווארשיינליך זיך צו אנלענען אויף די געריכט'ס לעצטיגע אורטייל איבער די צווייטע אמענדמענט, אין די 'ניו יארק סטעיט רייפעל און פיסטאל אסאָוסיעישען קעגן ברוּען' פאל. אין די פאל האט א מאיאריטעט, אנגעפירט דורך ריכטער קלעירענס טאמאס, איבערגעדרייט ניו יארק'ס 'קאנסיעלד קערי' געזעץ וואס איז געווען אין די געזעץ ביכער פאר איבער הונדערט יאר — טענה'נדיג אז גאן געזעצן אין די 21'סטע יאר-הונדערט דארפן זיין איינשטימיג מיט אמאליגע צייטן ווען 'מאָסקעט' ביקסן זענען געווען פארשפרייטע וואפן. ביים טוהן אזוי האט די געריכט אוועקגעריסן א קריטישע כלי וואס איך האב געהאט אלץ גאווערנער צו קענען האלטן ניו יארקער זיכער. אויב וואלט דאס געלאזט געווארן אן קעגנערשאפט וואלט די אורטייל ערלויבט*

מער טויטליכע הייסע געווער ווי סיי ווען אין די פארגאנגענהייט צו פארפלייצן אונזערע קאמיוניטיס, אונזערע ביזנעסער, אונזערע באַרס און רעסטוראנטן און אפילו אונזערע אנגעפילטע סאָבוועי וואגאנען. איין ווארט נישט אין פלאץ אדער איין שארפע עלבויגן וואלטן געקענט האבן באלדיגע, שרעקליכע לעבנ'ס-דראענדע קאנסעקווענצן.

יעצט, אין די ראהימי פאל, וועט די סופֿרים גריכט באשלוסן אויב טויטליכע הייסע געווער קענען פארפלייצן די היימער פון איבערלעבער פון אביוּז אינדערהיים. די פאל קומט אן אין געריכט נאך אן אורטייל פון די פיפטע סירקוט אויף די זייט פון די אביוּזערס. די פיפטע סירקוט געריכט האט באשלאסן אז די רעגירונג קען נישט פארמיידן פון א פארשוין וואס אביוּזט זיינע ארומיגע – קעגן וועם א געריכט האט ארויסגעגעבן א באשיצונג ארדער קעגן אביוּז אינדערהיים – פונעם האבן א טויטליכע וואפן אין באזיץ. דורכן איבערדרייען א פעדעראלער געזעץ וואס האט געהאט די ציהל פון באשיצן איבערלעבער פון אביוּז, האט די אפעלאט געריכט אהערגעשטעלט אן אומדערהערטע לעגאלע טעאריע וואס טענה'ט אז מענטשן מיט ארדערס פאר אביוּז אינדערהיים האבן א קאנסיטוציאנאלע רעכט צו האבן א גאן. נוצנדיג ריכטער טאמאס'ס היסטאריש-קאנצענטרירטע טענה מיט די ברוּען פאל אלץ א פרעצעדענט, קען די סופֿרים געריכט ארויסגעבן די אורטייל אז עס קומט זיך פאר איבערלעבער פון אביוּז אינדערהיים היינט נאר די שוץ מאסנאמען וואס זיי האבן געהאט אין די 18'טע יאר-הונדערט — א צייט ווען רוב פרויען האבן נישט געקענט זיין אייגנטומערינס פון פראפֿערטיס אדער ארבעטן אינדרויסן פונדערהיים, פארגעס פון שטימען אין וואלן.

די געוויכט וואלט נישט געקענט זיין גרעסער. די נאציאנאלע אנקעטע פון אינטימע פֿאַרטנער און סעקסועלע אביוּז פון די צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג דייט אן אז אומגעפער 41 פראצענט פון פרויען און 26 פראצענט פון מענער אין די פאראייניגטע שטאטן זענען אריבער סעקסועלע אביוּז, פיזישע אביוּז אדער ווערן נאכגעפאלגט דורך אן אינטימע פֿארטנער, און האבן באריכטעט אז זיי זענען אפעקטירט געווארן דערפון אין זייער לעבן. לויט פארברעכן באריכטן פון די פאראייניגטע שטאטן, ווערן אומגעפער 1 פון יעדע 5 מארד קורבנות געהרג'עט דורך אן אינטימע פֿארטנער, און איבער האלב פון פרויען וועלכע זענען מארד קורבנות ווערן געהרג'ט דורך א יעצטיגע אדער געוועזענע אינטימע פֿארטנער. דא אין ניו יארק זענען דא אומגעפער 80,000 ערנסטע פארברעכנס, ווי צום ביישפיל אנגרייפן, סעקסועלע אטאקעס און פארלעצונגען פון באשיצונג ארדערס יעדעס יאר אריבער די סטעיט, און ציפערן ווייזן אז אין ניו יארק זענען אומגעפער 1 פון יעדע 5 מארד פעלער פארבינדן מיט אביוּז אינדערהיים.

די סופֿרים געריכט האט אן אויסוואהל: זי קען זיך אנלענען אויף די געפארפולע טעאריע פון די פיפטע סירקוט געריכט אז גאנס קענען נישט רעגולירט ווערן פאר די צוועק פון באשיצן איבערלעבער פון אביוּז אינדערהיים, אדער קען זי היטן אויף די פעדעראלע געזעץ וואס האלט גאנס ארויס פון די הענט פון געפארפולע פארשוינען.

בעפאר די טענות ווערן דערהערט אין געריכט איז נישטא א וועג צו וויסן וויאזוי די סופֿרים געריכט וועט באשלוסן. די פרעצעדענט פון די ברוּען פאל איז גאר באאומרואיגנד. אבער אפילו אין די געריכט'ס מאיאריטעט אין די ברוּען פאל זענען געווען חילוקים. ריכטער טאמאס האט זיך געהאלטן צו די היסטארישע טענות. אבער א צוגעלייגטע מיינונג פון ריכטער ברעט קעווענאו, מיט וועלכע טשיעף ריכטער דזשאן ראבערטס האט זיך אויך אנגעשלאסן, האט איבערגעלאזט פלאץ פאר געוויסע פונדאמענטאלע שוץ מאסנאמען, אנמערקנדיג אז "ווערנדיג אויסגעטייטשט ריכטיגערהייט, ערלויבט די צווייטע אמענדמענט פאר 'פארשידענע' גאן רעגולאציעס".

די צוגעלייגטע מיינונג האט געהאלפן גיבן די באזיס פאר ניו יארק'ס אנטווארט צו די ברוּען פאל. נאך ניו יארק סטעיט'ס הונדערט-יאר-אלטע גאן געזעץ איז איבערגעדרייט געווארן, האב איך אונטערגענומען

*באלדיגע שריט צו צוריקברענגען שוץ מאסנאמען פון גאן פארברעכן, אריינרעכנענדיג מיטן אונטערשרייבן נייע געזעצן צו פארשטערקערן טרענירונג און גאן לייסענסירונג פאדערונגען. אין פרילינג פון 2022 האבן מיר פארשטערקערט אונזערע סטעיט'ס 'רויטע פאן' געזעצן וועלכע נעמען אוועק גאנס פון מענטשן ווי אזעלכע וועלכע אביוזן אינדערהיים און זענען א סכנה צו זיך אדער אנדערע, און מיר האבן פארמאכט לעכער וועלכע האבן ערמעגליכט די טראגעדיעס אין באפעלאו און אין יוּוואַלדי, טעקסאס. אלץ א רעזולטאט האבן די געריכטהייזער ארויסגעגעבן אומגעפער 9,000 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג ארדערס' אין דעם פארגאנגענעם יאר, ארויף פון 1,400 אין די פריערדיגע צוויי און א האלב יאר. געוואנדן אויף די פארנעם פון די געריכט אורטייל אין די ראהימי פאל, קענען די שוץ מאסנאמען אויך זיין אין סכנה. נאך א קורצע אויפשטייג ביי די אנהויב פון די פאנדעמיע אין 2020, קערט זיך ניו יארק צוביסלעך צוריק צו די שיסעריי שטאפלען פון בעפאר די פאנדעמיע, און זי האט איינס פון די פינף נידעריגעסטע ראטעס פון וואפן-פארבינדענע טויטפעלער. איך האב שטענדיג געזאגט אז די זיכערהייט פון די פובליקום איז מיין הויפט פריאריטעט אלץ גאווערנער, און איך בין אנטשלאסן צו נוצן יעדע כלי וואס שטייט מיר צום האנט צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער פון גאן פארברעכן.*

*אן עקסטרעמע און ווילדע סופרים געריכט שטעלט גאן זיכערהייט געזעצן אין סכנה אין די ברוּען פאל. אריבער אמעריקע ווערן איבערלעבער פון אביוּז אינדערהיים יעצט ווארטן מיט פארכט צו זעהן אויב ריכטער קעווענאו און זיינע קאלעגן באשלוסן אז געזעצן וועלכע באשיצן איבערלעבער זענען "ריכטיגערהייט אויסגעטייטשט" אונטער די קאנסטיטוציע.*

*איך קען זיך בלויז פארשטעלן וואס מיין מוטער וואס איז שוין אוועק פון די וועלט וואלט געהאט צו זאגן איבער די געריכטליכע אטאקעס אויף איבערלעבער פון אביוּז. אבער אין איר עהרע, און פאר אלע ניו יארקער'ס וועגן, וועל איך קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן פאר גערעכטיגקייט.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן